# צום פינטל

גליון נג
פרשת חיי שרה תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

נסיון

### גר ותושב אנכי

איינע פון די נסיונות פון אברהם אבינו איז געווען די 'קבר' פאר שרה, 'ארץ ישראל' האט באלאנגט פאר אברהם, ער האט שוין געהאט געמאכט א 'קנין חזקה' אין ארץ ישראל, און דא האט ער געדארפט שפילן מיט די 'בני חת', קויפן א 'חלקה' כאילו ער האט מיט 'ארץ ישראל' נישט קיין שום שייכות. אין הארץ האט אברהם אבינו נישט אויפגעגעבן זיין 'אמונה' פאר קיין איין רגע, ער האט געוויסט פאר זוכער אז ארץ ישראל איז זיינער, אבער אינדרויסן מיט די 'בני חת' האט ער געדארפט שפילן א געם, קויפן און באצאלן ווי א 'טאטעלע'.

אברהם אבינו איז שוין געווען דעמאלטס ברייט באקאנט אין די געגענט פון 'חברון', 'נשיא אלקים אתה בתוכנו', אבער למעשה איז ער געווען א 'גר', די למעשה'דיגע 'בעלי בתים' זענען געווען די 'בני חת', דאס אז 'בעתיד' גייט אברהם באקומען 'ארץ ישראל', דאס האט די 'בני חת' נישט צו סאך אינטערסירט. און אברהם אבינו האט געמוזט אוועק לייגען די אמת אינדערזייט, און מיט גיין מיט די עולם השקר, דאס איז געווען די גרויסע נסיון זיינער, מיט צו גיין מיט די שקר פון עולם הזה, צו טון דאס וואס איז די רצון השם פון אים יעצט.

די פסוק זאגט 'לכל באי שער עירו', דער גאנצע עולם איז געשטאנען דארטן אויפן מארק פלאץ ביים 'שער העיר', די האנדל וואנדל און די 'בתי משפט' אלץ האט געווירבעלט מיט מענטשן, די 'בני חת' האבן אלעס אנגעפירט. אינדערווייניג אין הארץ האט אברהם אבינו געוויסט, אז בעצם איז דאס אלץ זיינס, אבער יעצט איז געווען זיין עבודה צו שלינגען און שווייגען, אויב וועט ער יעצט פארציילן פאר יעדעם אז דאס איז אלץ זיינס, וועט מען אים אנקוקן ווי א גערידטעד, יעצט איז זיין עבודה זיך צו פירן ווי א 'גר', 'בכסף מלא יתננו לי', געטס מיר א חלקה פארן פילן פרייז.

'גר ותושב אנכי עמכם', מ'דארף פארשטיין וואס האט ער געוואלט זאגען מיט דעם אז ער איז א 'גר', וואס גייט אים דאס העלפן צו קויפן די חלקה, פארקערט מיט פרעמדע מענטשן האט מען נישט ליב צו האנדלן, איז וואס האט ער געוואלט מיט'ן זאגען אז ער איז א 'גר'. רש"י הקדוש זאגט אז ער איז א 'גר' וואס איז געווארן א 'תושב', אבער וואס האט דאס אויסגעפעלט, יעדער האט אים גוט געקענט, זיי האבן דאך אליינס געזאגט 'נשיא אלקים אתה בתוכנו', פארוואס האט ער בכלל געדארפט עפענען די נושא צו ער איז א גר אדער א תושב, וואס האט דאס אויסגעפעלט.

> **נכנס בשלום ויצא בשלום, גאנץ בגוף ובנפש. און יעצט אין די עלטערע יארן קוקט ער צוריק מיט פילע הויפענעס פון נחת, 'בא בימים', ער קוקט אָן זיין לעבן מיט א זייטקייט און א געשמאק, ער שעפט נחת פון זיך אליינס**

ס'קען זיין אז ער האט געוואלט קלאר שטעלן די זאך פאר זיך אליינס, ער האט געוואלט קלאר אוועקשטעלן אז ער קומט נישט דא מאנען ארץ ישראל אלץ 'תושב', כאטש וואס ביי זיך אין הארץ האט ער געוויסט אז דאס איז די אמת, אבער ער האט דאס געוואלט קלאר אוועק שטעלן, אז ער טיילט זיך אפ פון דאס וואס ער ווייסט ביי זיך, יעצט גייט ער מיט דאס וואס ס'קוקט אויס אינדרויסן, אזוי ווי אלע מענטשן אינדרויסן זעהן די זאך.

רש"י אויף די פסוק 'גר ותושב' אין די צווייטע וועג, 'אם תרצו הריני גר, ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הדין שאמר לי הקב"ה לזרעך אתן את הארץ הזאת'. מ'דארף פארשטיין, די 'בני חת' האבן דאך אודאי נישט געוואלט דאס הערן, איז וואס האט ער געוואלט דאס זאגען פאר זיי, און בכלל האבן זיי דען פארשטאנען די רמז וואס ליגט אין די ווארט 'ותושב', אז דאס מיינט גאר אז ארץ ישראל גייט אמאל באלאנגען פאר אברהם אבינו, וואס האט אברהם געוואלט מיט דעם.

איז לויט ווי געשמועסט האט ער דאס געוואלט אויסקלארן פאר זיך, ער האט ארויסגעזאגט מיט א שטארקייט 'גר ותושב', ער האט גערדיקט דעם 'גר', ער וויל גיין מיט די מהלך פון 'גר', כאטש וואס אינדערווייניג באדערט אים עס, אבער בדיעבד אויב ס'וועט נישט גיין, וועט ער ארויסנעמען די תביעות און טענות און קומען ווי א 'תושב' מיט א תקיפות.

און כפי הנראה האט זיי נישט פארציילט וואס פונקטליך ליגט אין די ווארט 'תושב', ער האט זיי נישט פארציילט די גאנצע זאך אז ארץ ישראל געהערט צו אים, נאר ער האט זיי סתם געזאגט אז ער האט אויך שטארקע תביעות פון א 'תושב', און ער קען עס ארויס נעמען לעת הצורך, ממילא זאלן זיי בעסער מיט גיין מיט די מהלך פון 'גר', וועט מען נישט דארפן צוקומען צו די מהלך פון 'תושב'.

### תרתי דסתרי

מ'איז צוגעוואוינט אז די צענטע נסיון איז געווען די 'עקידה', אבער ס'איז דא ראשונים (בבא בתרא טז) וואס האלטן אז די דאזיגע נסיון פון קויפן א 'קבר' פאר שרה, דאס איז געווען דער צענטער נסיון פון אברהם אבינו, ווי ס'איז מבואר אין רבינו יונה אין אבות (פ"ה מ"ה) און נאך אנדערע. דער צענטער 'נסיון' איז מבטא די גרעסטע און די שווערסטע, די שפיץ 'נסיון' פון אלע. איז וואס איז טאקע דער מיוחד'דיג'קייט מיט דעם 'נסיון', וואס איז שוין אז מ'דארף געבן אפאר 'דאלער', ווי אזוי שטייגט דער נסיון איבער דעם נסיון

המשך בעמוד הבא

פון די 'עקידה' (לויט די דאזיגע ראשונים).

איז דער אמת איז, אז נישט די געלט איז געווען די זאך, די נסיון איז נישט געווען אזוי ווייט די 'ארבע מאות שקל כסף', די נסיון איז געווען די 'אמונה', די 'אמונה' זיינער האט געקענט ווערן צושאקלט, דא זאגט אים דער אייבירשטער אזוי, און דא זעט ער ממש פארקערט, דא גלייבט ער מיט א פשטות אז ארץ ישראל איז זיינס, אבער אין די מציאות קוקט אויס ווי אלעס איז סותר צו דעם. וואס אזא נסיון קען אויך אויפשאקלען אלעס ביז אהער, כאטש ער האט געזען ביז אהער ווי דער אייבישטער פירט אים, ווי דער אייבישטער האט אים גרויס געמאכט, אבער די טבע פון א נסיון אין 'עניני אמונה', אז יעדער פרישע נסיון, צושאקלט אלעס נאך אמאל.

ווי ס'איז באקאנט דער ווארט פון בעל שם טוב אז ביי א זמן פון א נסיון פארלירט דער מענטש אלעס, עד כדי כך אז ער דארף אָנפאנגען 'אלף בית' פון פריש. אלעס איז אנגעבונדן אין 'אמונה', יעדער ריר פון א יוד איז אנגעבונדן אין זיין 'אמונה', און ווען די 'אמונה' זיינער איז אין א נסיון, ס'האט אים געאכאפט א שאקעל, מיינט דאס א נסיון אין אלעס, דאס מיינט אז ער דארף נאכאמאל זיך מחזק זיין אין אנפאנגען אלעס פון דאסניי.

די שורש פון 'נסיונות' בכלל איז א געפיל פון 'תרתי דסתרי', א סתירה צווישן די דרויסענדיגע וועלט, און דער אינדערווייניגער וועלט ביי זיך אין הארץ, די דאזיגע סתירה דאס איז די שווערקייט פון פולע נסיונות. למשל די נסיון פון 'תאוות רעות', אינדערווייניג גלייבט א יוד וואס די תורה זאגט אז דאס איז שלעכט פאר אים, און ער פארשטייט עס אויך מיטן שכל אז דאס איז נישט גוט פאר אים, אבער אינדרויסן אין די וועלט, דארטן פילט ער יא אז דאס איז א גוטע זאך. און אזוי איז אין אלע נסיונות, ס'כאפט אים אָן א פילינג אז אינדרויסן איז בעסער, ס'צושאקלט און שוואכט אפ זיין גאנצע עבודה פון אינדערווייניג, אלעס ווערט צושאקלט.

איז דאס איז געווען די גרויסע נסיון פון אברהם אבינו ביים קויפן א 'קבר' פאר שרה. ער גלייבט אז 'ארץ ישראל' איז ממש זיינס, ס'איז נישט דא קיין צוויי צדדים אין דעם, ער האט עס געהערט פונעם אייבירשטן אליינס, און דא פילט ער ווי די וועלט פאטשט אים אין פנים אריין, קיינער איז נישט אינטערסירט אין דעם, מ'לאכט פון זיין אמונה, זיין אמונה האט נישט קיין מציאות אין די וועלט.

אבער אברהם אבינו דער 'אדם הגדול בענקים', האט דורכגעבראכן אויך די דאזיגע נסיון, וואס לויט מאנכע איז דאס געווען דער צענטער נסיון, און מיט דעם האט ער נאכאמאל געשטארקט זיין אמונה, ער האט פון פריש אויפגעבויט זיין אמונה אין דעם, צוזאמען מיט זיין אמונה אין אלע אנדערע נסיונות.

דאס איז די לעבן פון א יוד, פון איין זייט איז ער קלאר ביי זיך מיט זיין אמונה, אבער פון די אנדערע זייט פילט ער ווי קיינער אין די וועלט איז נישט אינטערסירט אין זין אמונה, אין הארץ ווייסט ער אז ער איז די שפיץ, ער איז דער עם הנבחר, אבער אינדרויסן קוקט אויס ווי דער גוי איז דער שטערקערער, דער גוי הרג'ט און רצח'ט און טוט וואס ער וויל. איז די צוויי וועלטן, דאס איז די צוריסענקייט פון א יוד, די אמונה וועלט פון איין זייט, און די עולם הזה פון די אנדערע זייט. און נאר מיט די כוחות פון אונזערע זיידים, מיט די כוחות וואס אברהם אבינו האט געפענט, מיט דעם האט דער יוד די כוח פאר די גרויסע נסיונות.

### ◆ ואברהם זקן בא בימים

די פסוק זאגט ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל. אונז האבן נישט קיין השגה אין די אבות הקדושים, אבער לאמיר זיך מתבונן זיין עפעס פאר אונז. די חז"ל זאגען אז 'בכל' מיינט 'שהשליטו ביצרו', דאס איז געווען די תענוג פון אברהם אבינו, די נחת פון זיך אליינס אז ער האט דורכגעמאכט די אלע נסיונות, ער איז ארויס דער זיגער, ער איז ארויס דער 'מנצח'.

ער האט טאקע געהאט א לעבן פיל מיט נסיונות, אבער ער האט אלעס אדורך געמאכט בחסדי השם, נכנס בשלום ויצא בשלום, גאנץ בגוף ובנפש. און יעצט אין די עלטערע יארן קוקט ער צוריק מיט פילע הויפענעס פון נחת, 'בא בימים', ער קוקט אָן זיין לעבן מיט א זייטקייט און א געשמאק, ער שעפט נחת פון זיך אליינס.

דאס איז די תכלית פונעם יוד, דער יוד מיטשעט זיך אפ אויף די וועלט מיט נסיונות, די תכלית איז אנצוקומען צו די עלטערע יארן און שעפן נחת פון זיך אליינס. מ'זיצט מיט די בני המשפחה און גוטע פריינד, מ'דערמאנט זיך געוויסע נסיונות וואס מ'איז אלץ אדורך געגאנגען, די נסיון וואס מ'האט שוין ממש נישט אויסגעהאלטן, און ווי בהשגחת ה' איז די ישועה ארויסגעוואקסן פון ערגעץ ווי, דער אייבישטער האט געהאלפן, און אזוי ווייטער און ווייטער ווי ס'קומט ארויס די נחת ווי מ'האט געלעבט מיטן אייבירשטן.

און מיט די מחשבות און דיבורים פארברענגט דער זיידע זיינע עלטערע יארן, פארציילנדיג פאר די קינדער און אייניקלער, אלעס וואס ער האט זוכה געווען אדורך צו ברעכן, אלע נסיונות וואס ער איז אדורך געגאנגען אין אלע זיינע צייטן..

'זקן בא בימים', מ'קען זיין אלט אבער מ'קומט נישט מיט די טעג, די וואונטש איז אז מ'זאל קענען קומען מיט אלע טעג, דאס הייסט אז מ'זאל קענען צוריק קוקן אויף די לעבן מיט א בליק פון א 'שמח בחלקו', זיך פרייען מיט די נסיונות החיים וואס מ'האט אדורך געמאכט מיט די פילסטע הצלחה, אדער כאטשיג זיך פרייען מיט די ביסל נסיונות וואס מ'האט אדורך געמאכט, דאס איז דער 'ציל' און דער 'גאול' פון יעדער יוד.

אין חז"ל און מדרשים איז דא אסאך פשטים אין 'בכל', אבער בכללות איז אלעס די געפיל פון זייטקייט, אברהם אבינו האט צוריק געקוקט מיט א זייטקייט אויף זיין לעבן, ער איז באמת געווען צופרידן מיט יעדעס ביסל וואס ער האט געהאט, נישט קיין חילוק לויט וועלכע פשט מ'זאל נישט לערנען אין 'בכל', איז דאס די געשמאקע הרגשה פון 'שמח בחלקו', הנאה האבענדיג פון א פילע און רייכע לעבן, א לעבן פון באזיגטע נסיונות, נסיונות ווי ער איז ארויס דער זיגער.

## א שידוך וואס 'מעטשט'

די טבע פון מענטשן צו זוכן א שידוך וואס 'מעטשט' (Matched), א שידוך וואס די חתן וכלה ענדלען מיט געוויסע נקודות, ענדליכע מעלות, ענדליכע חסרונות, ענדליכקייטן אין די געוואוינהייטן און נאטורן, ענדליכקייטן אין די משפחות, א נקודה וואס זייביידע פאסן זיך אין דעם אריין.

אזוויי מ'טרעפט אין חז"ל אז משפחות פון 'מיוחסים' פאסט זיך משדך צו זיין צו 'מיוחסים', כהנים פאסט מיט כהנים, און די גמרא ברענגט אויף דעם די משל פון גפנים וואס פאסן זיך שיין אריין מיט אנדערע גפנים, 'ענבי הגפן בענבי הגפן', זיי ווערן שיין אריינגעפלאכטן איינער אינעם צווייטן, אזוי אויך די שיינקייט פון חתן וכלה איז ווען זיי פאסן זיך גוט צוזאם.

ביי די קדמונים איז דא א חקירה, ווי איז דא מער שלום און אהבה, 'בדומה או בשונה', ווען צוויי זענען 'בדומה', זיי זענען ענדליך איינער צום אנדערן, אדער 'בשונה', ווען זיי זענען אנדערשט איינער פון די אנדערע. און די ריכטיגע תשובה פאר דעם איז אז ס'איז א צוזאם שטעל פוןביידע זאכן, אביסל דארף זיין 'בדומה', און אביסל דארף זיין 'בשונה', דער 'בדומה' עפענט אויף אז זיי זאלן פילן נאנט איינער צום אנדערן, און דער 'בשונה' איז משלים דאס וואס דער צווייטער פארפעלט, וואס דאס געט זיי א מיוחד'דיגע טיפע קשר, אז יעדער קומט אריין שטארק דארט ווי ער פעלט אויס.

ביי די קדמונים איז דא א חקירה, ווי איז דא מער שלום און אהבה, 'בדומה או בשונה', ווען צוויי זענען 'בדומה', זיי זענען ענדליך איינער צום אנדערן, אדער 'בשונה', ווען זיי זענען אנדערשט איינער פון די אנדערע

איז ווען מענטשן זוכן א 'שידוך' וואס זאל 'מעטשן' (matchin), איז פשט אז די חלק פון 'בשונה' דאס איז דאך פשוט, יעדער מענטש איז זייער אנדערשט ווי דעם צווייטן, דאס דארף מען נישט ארבעטן, די חלק איז אויטאמאטיש, אונזער ארבעט איז צו ארבעטן אויף די 'בדומה', אזוי וועט זיך עס באלאנסירן מיט די 'בשונה', און צוזאמען וועט זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות.

## מיט די אייגענע משפחה

נאך א פלאץ ווי מ'זעט אז ביי א שידוך זוכט מען דעם 'בדומה', מ'זעט אז די טבע בני אדם צו נמשך ווערן צו נאנטע און באקאנטע, מ'האט ליב צו טון שידוכים מיט די אייגענע משפחה אדער קהילה, און אזוי שטייט אין ירושלמי (קידושין פרק ד' סוף הלכה ד') אז א מענטש זאל זיך מדבק זיין מיט זיין אייגענע שבט און משפחה. אויך אין בבא בתרא זאגט די גמרא (קכ) אז ס'איז א עצה טובה אז פרוען זאלן חתונה האבן צו די אייגענע שבט, ווי די פסוק זאגט 'למשפחת מטה אבותיו ידבקו'.

און דער רבינו בחיי (בראשית כד ד) ברענגט א מקור אויף דעם ענין אין אונזער פרשה, שטייט אין די פרשה אז אברהם אבינו איז געגאנגען דוקא צו זיין אייגענע משפחה, ווי די פסוק זאגט 'כי אם אל ארצי ואל מולדתי תלך'. און דער רבינו בחיי זאגט דעם טעם, ווייל ווען מ'איז זיך משדך מיט די אייגענע איז דא 'שלום', מ'קען דעם צווייטנס מהלך החיים, און מ'קען לעבן צוזאמען בשלום. דאס הייסט אז די אייגענע און די נאנטע, דאס איז די כח פון 'בדומה', וואס דאס איז די פשטות'דיגע 'שלום ושלוה', צוויי זענען ענדליך און מ'פארשטייט זיך, וואס ס'הייסט א מעלה ביי אים, איז אויך א מעלה ביי איר, וואס ס'איז א חסרון ביי אים איז אויך א חסרון ביי איר.

און באמת איז דאס א גרויסע סוגיא אין די אחרונים בקשר צו די 'דור ישרים טעסט', ווי ס'איז מבואר אין ספר נטעי גבריאל (נשואין פרק ז) אלע אחרונים אויף דעם ענין, און די תורה'דיגע בליק וואלט געדארפט אויסקומען אז 'קרובים' איז יא א ענין, ווי ער ברענגט דארט פון תשובת מהרש"ג (ח"ב סימן ר"מ) אז אפילו די רופאים זאגען איז קרובים איז נישט גוט, אבער אין חז"ל זעט מען אז ס'איז יא גוט, ווייל א 'ניס' (בת אחיו ובת אחותו) זאגען די חז"ל אז ס'איז א מורא'דיגע זאך, 'עצם מעצמי ובשר מבשרי', וואס מ'זעט אז קרובים איז א גוטע ענין. (עי' מדרש רבה יח ד כלפי א 'ניס', וביבמות סב ע"ב, סנהדרין עו ע"ב, אליהו רבה פט"ו, מסכת ד"א רבה ב יד, נדרים סו ע"א, וירושלמי גיטין ט א, און אזוי פסק'נט דער רמב"ם [איסו"ב ב יד] אז ס'איז א מצוה צו חתונה האבן מיט א 'ניס', וכן היא ברמ"א אהע"ז ב ו, טו כה. און בענין קרובים בכלל, עי' אבן עזרא שמות ב עה"פ וילך איש, וירושלמי קדושין פד ה"ה, ומכתב מהפאפא רב זצ"ל בספר חזון ישעיה סימן ט עמוד כז להתיר).

## שידוכים מיט פרעמדע

פון די אנדערע זייט איז מבואר פארקערט, אז מ'זאל נישט טון קיין 'שידוכים' מיט קרובים, ווייל די תכלית פון 'חתונה' האבן איז זיך אויסצולערנען צו לעבן מיט א פארקערטע כח, צו לעבן מיט איינעם וואס איז אנדערשט פון דיר, און דוקא ווען צוויי פארקערטע כוחות קומען זיך צוזאם, דעמאלטס קומט ארויס דעם ריכטיגן 'שלום'. יעדער האט זיין מיוחד'דיגע כח, און צוזאמען ווערט עס צוזאם געברענגט צו א געמיינזאמע ציל, דאס איז די אמת'ע שלום ושלוה.

א סמך צו דעם איז די איסורי עריות אין די תורה, די תורה אסר'ט חתונה צו האבן צו נאנטע קרובים. ווייל ביי א חתונה דארף מען האבן פארקערטע כוחות, נישט מיט כוחות וואס ענדלען צו שטארק. און אזוי ברענגט דער נטעי גבריאל (שם) פון דער אמרי פנחס (הוצאה חדשה ח"א עמוד תכ"ח אות ג) אז קרובים איז נישט גוט, אויך פון דער סטייפלער (ארחות רבינו ח"ד עמוד רלד) ברענגט אז ער פלעגט מחמיר זיין אז מ'זאל זיך נישט משדך זיין ביז דור חמישי.

און דאס איז אלעס תלוי אין די חקירה צו אהבה איז 'בדומה' אדער 'בשונה', און ווי געשמועסט דארף זיין א באלאנס צווישן די צוויי, צוויי גאר פארקערטע וועלן זיך נישט קענען צוזאמקומען, און אויך צוויי זייער ענדליכע וועלן זיך ווייטער נישט קענען לעבן צוזאמען, ווייל זיי זענען גאר נישט משלים איינער פארן צווייטן, איז בהכרח אז די ריכטיגע וועג איז אינדערמיט, אביסל ענדליך מיט די מעלות חסרונות און משפחה, אבער נישט צו נאנט אויך נישט, אז ס'זאל בלייבן יעדעמ'ס מיוחד'דיג'קייט צו משלים זיין איינער פארן צווייטן.

## מעלות וחסרונות בדומה ובשונה

המשך בעמוד הבא

'בדומה' האט א מעלה אז דער מענטש איז אפען צו דעם, א מענטש איז אפען צו דאס וואס ער איז צוגעוואוינט, ס'איז אים שווער זיך צו עפענען צו נייע געוואוינהייטן און נאטורן, ממילא איז דאס א מורא'דיגע מעלה צו מאכן א שידוך וואס איז 'בדומה', וואס מ'איז שוין ממילא אפען צו די סארט געוואוינהייטן און נאטורן.

און פארקערט איז ביי 'בשונה', ביי 'בשונה' וועלן זיי מוזן אסאך שווערער ארבעטן, ווייל זיי זענען נישט צוגעוואוינט איינער צום צווייטנס נאטור, אבער פון די אנדערע זייט ווערט דער מענטש אסאך מער א אפענע מענטש, אז ער קען ארויס גיין פון זיין נאטור צו א פארקערטע נאטור, וואס דאס מאכט זייער ברייט די נפש האדם.

און אז די טראכסט אריין זעסטו ביי אונזערע אבות ואמהות דוקא די כח פון 'בשונה', אברהם איז געווען 'חסד' און שרה איז געווען 'גבורה' (ווי ס'איז באקאנט אז די גבורות פון יצחק קומט בשורש פון 'שרה' וואס איז געווען 'גבורות'), און ביי יצחק און רבקה איז געווען פארקערט, יצחק איז געווען 'גבורות' און רבקה איז געווען 'חסד. זעסטו אז אונזערע הייליגע אבות ואמהות האבן גענומען דוקא די כח פון 'בשונה'.

'בדומה' האט א מעלה אז די מעלות וואס זיי האבן טאפלען זיך, די מעלות ווערן גאר שטארק און געטאפעלט. למשל אז ער האט א טבע פון 'התמדה' און זי האט א טבע פון 'התמדה', באקומען די קינדער א טאפעלטע כח אין 'התמדה', און אזוי ווייטער אין אלע אנדערע מעלות, ווי חכמה חסד וכדומה. אבער ס'איז אויך דא אין דעם א מורא'דיגע חסרון, אז אויך די חסרונות טאפלען זיך, אזוי ווי די מעלות טאפלען זיך, טאפלען זיך אויך די חסרונות.

און 'בשונה' איז פארקערט, די 'מעלות' טאפלען זיך נישט אזוי שטארק, ווייל ביי 'בשונה' האבן יעדער איינער א אנדערע מעלה, אבער פון די אנדערע זייט אויך די חסרונות טאפלען זיך נישט, און אדרבא יעדער איינער איז משלים דעם צווייטנס חסרונות, יעדער קען ארויס ברענגען זיין מעלה, אנצופולן יענעם'ס חסרון.

ביי די 'דור ישרים טעסט' איז באקאנט, אז משפחות וואס זענען צו סאך משדך איינער מיט די אנדערע, קען עס גורם זיין חולאים ביי די קינדער ל"ע, און די סיבה איז ווי געשמועסט אז די זעלבע חסרונות און שוואכקייטן טאפלען זיך, ס'קען זיין אז ס'איז דא געוויסע כוחות און מעלות וואס טאפלען זיך, אבער אויך געוויסע חסרונות וואס זיי קענען גורם זיין צו חולאים ממש ל"ע. וועגן דעם איז ענדערשט צו נעמען אביסל ווייטערע, נישט קיין קרובים, אזוי איז יעדער משלים מיט זיינע מעלות, דעם צווייטנס חסרונות, אזוי ווי געשמוסט ביי די מעלות פון 'בשונה'.

## צוואת רבי יהודה החסיד

ס'איז באקאנט די חומרות פון צוואת רבי יהודה החסיד אין די עניני נשואין (צוואת רבי יהודה החסיד פון כ"ב ביז ל"א). 1) נישט צו חתונה האבן מיט א 'ניס' (הרבה אין מחמירים בזה), 2) נישט צו האבן די זעלבע נעמען ווי די שווער און שוויגער, 3) נישט חתונה מאכן צוויי קינדער אויף איינמאל, 4) צוויי ברידערס זאלן נישט חתונה האבן צו צוויי שוועסטערס, 5) צוויי שטיף קינדער זאלן זיך נישט משדך זיין (הרבה אין מחמירים בדבר זה).

אונז קענען נישט משיג זיין די פארבארגענע זאכן פון רבי יהודה החסיד, אבער מ'זעט א געוויסע ענדליכקייט אין די אלע זאכן, אז רבי החסיד וויל אז די משפחה זאל זיין ריכטיג אפגעטיילט, יעדער זאל זיין א מציאות פאר זיך, ס'זאל נישט זיין קיין צוזאם מישאכץ אין די משפחות.

למשל א 'ניס' איז טאקע מותר, זאגט דיר אבער רבי יהודה החסיד אז למעשה זע איך אז ס'איז נישט גוט, ס'איז צו א אפענע שידוך, זיי וועלן זיין צו נאנט, די 'בדומה' איז צו שטארק דא, צו 'נאנט' איז נישט א גוטע זאך, מ'דארף האבן אביסל דעם 'בשונה'. און די זעלבע איז מיט די נעמען פון שווער און שוויגער, ס'איז דאס א שטארקע אפענקייט ווען די מאן'ס נאמען מיט די טאטעס נאמען זענען די זעלבע, ס'געט עפעס א צומישקייט און א אפענקייט אין די געפילן.

און אזוי ווייטער אלע אנדערע זאכן, ווי למשל צוויי שטיף קינדער, טאקע מן הדין מעג מען, אבער רבי יהודה החסיד זאגט דיר אז במציאות זענען זיי זייער נאנט, און ס'פעלט פון דער 'בשונה', די געפילן פון די צוויי מישן זיך צוזאמען.

און דאס איז במיוחד ווי משפחות בויען זיך, אז די משפחות בויען זיך דארפן זיי האבן די כח פון 'בשונה', סיי די 'פארעל' צווישן זיך דארף האבן די כח פון 'בשונה', זיי זאלן נישט זיין צו שטארק צוזאם געמישט, יעדער זאל זיין מיוחד פאר זיך, און סיי צווישן די אלע ארומיגע אין די משפחה, אז די משפחה זאל זיך גוט בויען פעלט אויס אביסל די כח פון 'בשונה'.

אלע פרעגען אויף רבי יהודה החסיד ווי קען ער אסר'ן זאכן וואס שטייט בפירוש אין גמרא אז ס'איז מותר, ווי למשל א 'ניס' און די אלע אנדערע זאכן, און די פשט איז אז ער איז זיך נישט געקומען דינגען מיט די גמרא, ער איז געקומען זאגען א פאקט, ער זאגט דיר אז ער זעט פאר א פאקט דאס אין דאס, ער זעט אין זיינע צייטן אז די און די זאכן זענען נישט גוט, און ס'קען אפילו זיין אז אין זיינע צייטן האט זיך שוין די טבע געטוישט פון זי זמן הגמרא, דער עיקר ער זאגט דיר אז ס'איז א מציאות וואס ער זעט.

בפרט אז ווי מער דורות ס'גייען אריבער, קומט אויס אז די חסרונות טאפלען זיך מער, ממילא זאגט ער אונז אז ער זעט אז אין זיין דור דארף מען מחמיר זיין. כאטש מ'זעט אין חז"ל לקולא, אבער אין זיין דור דארף מען שוין מער מחמיר זיין. (ולפי זה היה יוצא שכל שכן בימינו, שעברו עוד הרבה דורות, דיש ליזהר יותר. ידוע דיש אומרים דהצוואה היא רק למשפחתו לבניו ולבנותיו, ולפי הנ"ל יתכן לומר דאכן זה היה ממה שראה במציאות במשפחתו, ולכן הזהיר להם על הדבר, ויהיה ניחא אותם שיטות דרק למשפחתו הזהיר).

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיונים: י.ב. ‎+972-50-413-8477